בס"ד. שיחת ש"פ ויקרא, פ' זכור, ערב פורים, ה'תש"ל.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. שבת פ' זכור, וואס דאס איז דאך היינטיקער שבת, ווערט אזוי אנגערופן ע"ש די קריאה בתורה וואס מ'לייענט בשבת זו – "זכור את אשר עשה לך עמלק וגו'". וואס דאס איז נוסף אויף דער קריאה בתורה וואס מ'לייענט בכל שבת ויו"ט; און דאס איז אויך אנדערש פון דער קריאה שבכל שבת:

קריאת התורה בכלל איז דאך תקנת משה רבינו און נאך דעם פון תקנת עזרא, ווי עס שטייט אין רמב"ם (פי"ב מהל' תפלה ה"א), און ס'איז מרומז אין גמרא (ב"ק פב,א); וואס דאס איז בלויז מדרבנן; ואע"פ אז דאס איז פון זמן משה, איז אבער אפילו אין די צייטן פון משה רבינו אויך געווען ענינים וועלכע זיינען נאר תקנות מדרבנן, און ניט קיין מצות עשה מן התורה, וואס דערפאר שטייט דער לשון "משה רבינו <u>תיקן</u> להם לישראל" (און אויך "ועזרא <u>תיקן</u>"), ווייל דאס איז ניט קיין מצות עשה מן התורה און אפילו ניט קיין מצוה כתם מן התורה, דאס איז נאר א תקנה מדרבנן "כדי שלא ילינו שלשה ימים בלא תורה",

אבער די קריאה פון פ' זכור איז מדאורייתא לדעת כמה פוסקים, ד.ה. אז ס'איז א מצות עשה לייענען "זכור את אשר עשה לך עמלק וגו'". אעפ"י אז עס זיינען פאראן דעות אין ראשונים אז אויך פ' פרה איז מן התורה, ביז עס זיינען אויך פאראן דעות אז אלע ד' פרשיות זיינען מדאורייתא, אויך פ' החודש און פ' שקלים – אנגענומען איז אבער אז די קריאה פון פ' זכור איז מן התורה.

און אפילו לויט די דעות אז קריאת פ' זכור איז ניט מן התורה, איז אבער לכל הדעות דער ענין פון געדיינקען עמלק'ן – זכור את אשר עשה לך עמלק וגו', א מצוה מן התורה, נאר עס דארף ניט זיין ע"י קריאה בתורה ובעשרה, נאר דאס קען אויך זיין ביחיד וכו', ביז ס'איז אויך דא דער "לא תשכח – בלב", וואס איז אויך א מצוה מן התורה.

אבער לכאורה איז דאס ניט מובן: פארוואס איז דא די קריאה בתורה דוקא ביי דעם ענין פון זכור את אשר עשה לך עמלק – עס זיינען דאך דא נאך כמה ענינים וואס מ'דארף גע-דענקען, ע"ד ווי שבת, כמ"ש "זכור את יום השבת לקדשו", ובפרט לויט דעם רמב"ן אז דאס דארף זיין ניט נאר ביום השבת עצמו, נאר עס דארף זיין זכור וגו' בכל יום ויום, אז יעדער טאג דארף מען געדענקען וועגן שבת, און ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין שו"ע הלכות ק"ש (סימן ס' ס"ד) אז י"א אז מ'דארף מכוון זיין וועגן שבת בכל יום. און אעפ"כ געפינט מען ניט אז עס זאל זיין א קריאה מיוחדת וכו' צוליב "זכור את יום השבת".

עד"ז ברענגט ער דארטן אין שו"ע אז מ'דארף מכוון זיין און געדענקען וועגן מ"ת בכל יום, ועד"ז בנוגע דעם ענין הפכי פון מ"ת, דעם מעשה העגל, און אויך דארף מען געדענקען מעשה מרים בכל יום, ווי עס שטייט "זכור את אשר עשה ה' אלקיך למרים

למרים", און אעפ"כ געפינט מען ניט ביי די אלע ענינים אז עס זאל זיין א גאנצער שטורעם און א קריאה בתורה, אזוי ווי מ'געפינט דאס בנוגע פ' זכור.

מ'לייענט טאקע וועגן די ענינים פון מ"ת, מעשה העגל, שבת און מעשה מרים, אין די פרשיות וואו עס רעדט זיך וועגן דעם – דאס איז אבער ניט קיין ענין מיוחד און ניט בשבת מיוחדת, נאר דאס לייענט מען אלס א חלק פון דער גאנצער סדרה וואס מ'לייענט דאן; און אויך דער שבת ווערט ניט אנגערופן ע"ש פון די ענינים, נאר דער שבת הייסט פ' יתרו און פ' ואתחנן, ניט ווי דאס איז בפ' זכור, וואס דער גאנצער שבת ווערט אנגערופן שבת זכור.

ולכאורה זיינען די אנדערע זכירות מער נוגע ווי זכור את אשר עשה לך עמלק: מ"ת און מעמד הר סיני איז אן ענין כללי וואס נעמט דורך דעם גאנצן לעבן פון א אידן, ווארום דער אמת'ער חיות פון א אידן איז תורה ומצות, ובמילא בכדי א איד זאל וויסן און פילן ווי צו לעבן איז דאס דוקא עפ"י התורה, כמ"ש "כי הם חיינו ואורך ימינו", וואס דאס גייט אויף תורה און מצוות עליהן נאמר וחי בהם, איז דאך פארשטאנדיק אז מ"ת איז נוגע לכל אחד ואחד ובכל ענין וענין.

והיות אז עשה טוב איז פארבונדן מיט סו"מ, ווארום סו"מ ברענגט צו ועשה טוב, איז במילא מובן אז עס איז אויך נוגע געדענקען דעם מעשה העגל, מ'זאל וויסן פון וואס זיך אפצוהיטן, ווארום וויבאלד מ'וויל האבן חיות און לעבעדיקייט, דארף מען זיך אפהיטן פון אלע ענינים וועלכע זיינען מזיק דעם חיות, און פון אלע ענינים וועלכע ברענגען צו מיתה; און וויבאלד אז דער אמת'ער לעבן פון א אידן איז תורה ומצוות, דארף מען וויסן אז מ'דארף זיך אפהיטן פון דעם ענין פון מעשה העגל וועלכע איז דער היפך פון תורה ומצוות; איז דאך נוגע געדענקען אויף דעם מעשה העגל.

אויך בנוגע שבת דארף זיין די זכירה, ווארום דאס איז נוגע בכל זמן ובכל מקום, ווארום עס דארף זיין לענג את השבת וכו', איז דאך נוגע דער זכור את יום השבת עכ"פ בשבת;

ועאכו"כ לפי הרמב"ן אז עס דארף זיין די זכירה וועגן שבת בכל יום, איז דאס זיכער נוגע; און דאס איז אויך א פארשטאנדיקע זאך: בשעת א מענטש האט בלויז א וואכעדיקן לעבן, האט ער דעמאלט ניט קיין קאך און קיין חיות אין זיין יגיעה, בשעת אבער ער ווייס אז זיין גאנצע יגיעה איז בלויז א הכנה צו א שבת'דיקן לעבן, ווארום (ע"ז ג,א) "מי שטרח בע"ש יאכל בשבת", וואס דאס מיינט דאך א גאנצע וואך, איז דעמאלט זיין יגיעה מיט א חיות און א לעבעדיקייט.

נאך מער: שבת פועל'ט אויף דער גאנצער וואך, אז אפילו די וואכעדיקע טעג זיינען שבת'דיקע: דער ענין פון א שבת'דיקן לעבן איז דאך אז ער האט ניט צו טאן מיט קיין מלאכה און ער טאר אפילו ניט טאן קיין עובדין דחול, ער האט צו טאן נאר מיט עניני

עניני תורה ותפלה און אידישקייט וכו׳, ביז דעם ענין פון שלום בית וואס דאס איז דער נר שבת וואס איז בהתחלת השבת - פועל׳ט דאס אז אפילו אינמיטן וואך, ווען ער האט צו טאן ניט נאר מיט עובדין דחול, נאר אויך מיט מלאכה, אז אויך דעמאלט זאל ער זיך אפרייסן און אוועקגעבן צייט אויף תורה און צייט אויף תפלה וכו׳, ווארום שבת ברענגט אריין א ליכטיקייט אין דער גאנצער וואך.

ביז אז דאס פועל׳ט אין דער גאנצער וועלט, אז עס ווערט "ויכולו השמים והארץ וגו׳", אז די גאנצע וועלט שטייט אין א כליון צו דעם אויבערשטן, צו דעם בורא עולם - וואס דאס איז איר שלימות.

ו מילא מובן אז עס דארף זיין די זכירה וועגן שבת ניט נאר שבת אליין נאר בכל יום, בכדי אז שבת זאל פועל׳ן אויף דער גאנצער וואך; וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז זכור את יום השבת איז נוגע אלעמאל, און צו אלעמען, זכרים ונקבות, ובכל מקום.

אויך איז "זכור את אשר עשה ה׳ אלקיך למרים בדרך בצאתכם ממצרים" נוגע - אע"פ אז דאס איז אן ענין פרטי, וואס האט געטראפן אין מדבר מיט טויזנטער יאר צוריק, איז דאס לכאורה ניט נוגע איצטער, איז אבער דער אלטער רבי מבאר אז מ׳דארף געדענקען מעשה מרים בכדי מ׳זאל וויסן אז דעם פה וואס דער אויבערשטער האט געגעבן דארף מען אויסנוצן אויף ענינים טובים און ניט אויף ענינים וועלכע זיינען היפך הטוב אזוי ווי לשון הרע וכו׳, וואס דאס איז ווי די גמרא זאגט אין ערכין (טו,ב) "כל המספר לה"ר מגדיל עונות כנגד שלש עבירות ע"ז וג"ע וש"ד", און אז דאס שאדט ניט נאר דעם וואס רעדט און הערט, נאר אויך דעם וועגן וועמען מ׳רעדט, און ווי מ׳האט גערעדט אמאל בארוכה דעם ווארט (פון בעש"ט) פארוואס לשון הרע שאדט אלעמען; וואס דאס לערנט מען אפ פון מעשה מרים, וואס דארט איז געווען "ותדבר מרים וגו׳ במשה וגו׳", און דאס האט ניט געטויגט, וואס דערפון ווייס מען אז מ׳דארף אויסהיטן דעם פה פון רעדן ענינים לא טובים; וואס דערפאר איז נוגע זכירת מעשה מרים.

משא"כ דער ענין פון "זכור את אשר עשה לך עמלק" איז ניט אזוי נוגע לפועל ווי די אנדערע ענינים, וכמובן פון דעם טעם וואס די תורה אליין זאגט פארוואס עס דארף זיין "זכור את אשר עשה לך עמלק", כדי עס זאל זיין "תמחה את זכר (בצירי או בסגול) עמלק וגו׳", ד.ה. אז דער תמחה את זכר עמלק איז א תוצאה פון זכירת מלחמת עמלק (אע"פ אז מחיית עמלק איז אויך אן ענין לעצמו, איז דאס אבער א תוצאה פון זכור את אשר עשה לך עמלק), ובמילא מובן אז דאס איז ניט אזוי נוגע בזה"ז,

ווארום מחיית זרעו של עמלק האט אין זיך כמה גדרים, ווי די גמרא (סנהדרין כ,ב) זאגט אז דאס דארף קומען לאחר כניסתן לארץ, און דערנאך דארף זיין "להעמיד להם מלך", און דערנאך

דערנאך ערשט איז פאראן די מצוה "להכרית זרעו של עמלק", מוז דאך זיין דער סדר העינינים פון כניסה לארץ, מינוי מלך, און נאך דעם קען קומען די מצוה פון מחיית זרעו של עמלק; און מלחמת עמלק אליין איז אויך נאר פאר זכרים, ומבן שלש עשרה שנה, אדער מבן עשרים שנה, וואס דאן איז ער "יוצא צבא בישראל", איז דאך דאס אן ענין וואס איז ניט שייכות לכל אחד ואחד.

ועאכו"כ איצטער וואס (ברכות כח,א) "עלה סנחרב וכו' ובלבל את כל האומות", דארף מען ערשט האבן א בירור ווער איז עמלק, ובמילא אפילו נאך דעם וואס ס'וועט זיין די כניסה לארץ ומינוי מלך ווי תורה וויל, נאך דעם דארף מען ערשט א בירור ווער איז פון זרעו של עמלק ; איז דאך דערפון מובן אז דאס איז וויייניק נוגע לפועל בזמן הזה,

און אעפ"כ וואו איז דא דער גאנצער שטורעם און די קריאה בתורה – נאר בנוגע זכור את אשר עשה לך עמלק, משא"כ ביי די ענינים פון מ"ת, שבת און מעשה מרים, געפינט מען דאס ניט.

וועט דער ביאור בזה זיין פארשטאנדיק בהקדם וואס דער אלטער רבי זאגט אין שו"ע אז מ'דארף מכוון זיין זכירת עמלק בשעת מ'זאגט "לשמך הגדול", ווארום אלע ענינים וועלכע מ'דארף מכוון זיין דארף דאס זיין ביי די ווערטער וועלכע שטימען און זיינען מתאים צו די ענינים וועלכע מ'דארף געדענקיין, דער-פאר דארף זיין זכירת עמלק בשעת מ'זאגט די ווערטער "לשמך הגדול", ווייל עמלק האט א שייכות מיט את די ווערטער,

ווארום אויף עמלק'ן שטייט (כ"פ תצא), און רש"י (בשלח יז,טז) ברענגט דאס, אז "אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק", ד.ה. אז עס קען ניט זיין דער "שמך הגדול" ביז ימחה זרעו של עמלק, ווארום ביז דעמאלט פעלט אין דעם שם, און דוקא בשעת עס וועט זיין "מחה תמחה את זכר עמלק" וועט קענען זיין השם שלם; וואס דערפאר דארף מען מכוון זיין ביי די ווערטער "לשמך הגדול" למלחמת עמלק, כדי מ'זאל טאן אלץ וואס איז ביכלתו אויף אויפטאן דעם שמך הגדול, וואס דאס איז ע"י מחיית עמלק.

ס'איז אבער מובן אז ווען קען מען האלטן א מלחמה מיט אימיצן וואס איז מבחוץ, איז דאס דוקא בשעת ער האט ניט קיין מלחמה מבפנים, און אויב ער האט מלחמה מבפנים ביי זיך אליין, קען ער ניט מלחמה האלטן מיט דעם וואס שטייט מחוצה לו, ובמילא דארף מען פריער מלחמה האלטן מיט דעם וואס איז מבפנים, און דערנאך קען מען ערשט מלחמה האלטן מיט דעם אויב מבחוץ; איז פון דעם פארשטאנדיק אז כדי מ'זאל קענען מוחה זיין דעם עמלק כפשוטו מבחוץ, דארף מען פריער מוחה זיין ביי זיך אליין דעם עמלק שמבפנים; און <u>דער</u> ענין איז שייך אויך בזמן הזה, ובמילא איז זכירה מעשה עמלק נוגע היינט אויך.

עס איז דאך אבער אין מקרא יוצא מידי פשוטו, אז "מחה

תמחה

תמחה את זכר עמלק" מיינט עמלק כפשוטו, און אין אן אופן פון "מאיש ועד אשה מעולל ועד יונק משור ועד שה מגמל ועד חמור", אז עס זאל ניט בלייבן קיין זכר פון עמלק, ווי ער זאגט אין היינטיקע הפטורה - דאס קען אבער זיין בלויז בשעת ער פועל'ט פריער ביי זיך אליין אז אין זיין הויז און אין זיין סביבה זאל ניט זיין קיין זכר פון עמלק, ולאחר וואס ביי זיך אליין אין אלע זיינע ענינים, אין זיין הויז און אין זיין סביבה, האט ער שוין מקיים געווען דעם תמחה את זכר עמלק, דעמאלט קען ער גיין מלחמה האלטן מיט עמלק כפשוטו, מיט דעם עמלק מבחוץ, אויף מקיים זיין דעם ציווי פון ״תמחה את זכר עמלק כפשוטו; ובמילא כדי מקיים זיין דעם ציווי כפשוטו, מוז פריער זיין דער ענין ביי זיך אליין.

ובמילא וויבאלד בנוגע דעם זמן הגאולה זיינען דא צוויי אופנים, עס קען זיין "בעתה", אדער עס קען זיין "אחישנה", אז דאס זאל קומען פאר דער צייט, ווארום אויב עס וועט זיין "היום אם בקולו תשמעו", קומט גלייך די גאולה, איז וויבאלד מ'דארף יעדער טאג ווארטן אויף דער גאולה, דארף מען דערפאר שטענדיק זיין פארטיק מיט מלחמת עמלק ביי זיך אליין, און טאן כל התלוי בו אויף פועל'ן שלימות השם אין זיין סביבה,

ולאחר וואס ער טוט אויף שלימות השם בנוגע לנפשו אעפ"י אז דאס איז נאך ניט בנוגע לכל העולם, אבער בנוגע לנפשו עכ"פ האט ער שוין גע'פועל'ט עס זאל זיין שמו שלם, דעמאלט אז עס וועט זיין דער "היום אם בקולו תשמעו" און עס וועט קומען די גאולה און עס וועט זיין די כניסה לארץ און מינוי מלך, וועט דעמאלט קענען זיין מלחמת עמלק כפשוטו אויף מקיים זיין דעם "מחה תמחה את זכר עמלק", און "מחה אמחה את זכר עמלק", ווארום ביי זיך אליין איז ער שוין פארטיק מיט מלחמת עמלק.

און דאס איז די הסברה פארוואס אויך איצטער איז נוגע זכירת עמלק; דאס גיט אבער ניט קיין הסברה פארוואס דאס איז נוגע מער ווי די אלע אנדערע ענינים, וואס פון דעם וואס נאר בנוגע עמלק איז דא דער ענין פון שבת זכור ובו', איז מובן אז מלחמת עמלק איז מער נוגע ווי אלע ענינים פון מ"ת, שבת און מעשה מרים. וכפי שיתבאר לקמן.

ב. לויט די פריער-ערקלערטע איז מובן פארוואס אויך איצטער איז נוגע זכירת מלחמת עמלק, מ'דארף אבער נאך אלץ פארשטיין פארוואס דאס איז מער נוגע ווי די אנדערע ענינים?

וועט מען דאס פארשטיין פון דעם סדר המאורעות ווי זיי האבן געטראפן, אז דער ערשטער ענין גלייך נאך יציאת מצרים איז געווען מלחמת עמלק, און נאך דעם איז געווען מ"ת, און דערנאך מעשה העגל, און דערנאך ערשט מעשה מרים, ומובן אז דאס איז מיט א כוונה, ווארום יעדער זאך אין וועלט איז דאך בהשגחה

פרטית

פרטית, און ניט בדרך מקרה, ד.ה. אז אנדערש האט גאר ניט גע-
קענט זיין, וואס דאס איז אפילו בנוגע ענינים פון וועלט,
עאכו"כ אז ענינים פון תומ"צ זיינען בהשגחה פרטית, ועאכו"כ
ענינים עיקרים וענינים כלליים,

איז דאך פארשטאנדיק אז דער סדר הענינים אז פריער
איז געווען מלחמת עמלק און דערנאך מ"ת, איז בהשגחה פרטית,
אז פריער דארף קומען מלחמת עמלק און דוקא נאך דעם קען זיין
מ"ת, און ווי מ'זאגט בנוגע יתרו "מה שמועה שמע ובא - קריעת
ים סוף ומלחמת עמלק", אז מלחמת עמלק ברענגט דעם ענין פון
מתן תורה.

אבער לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: זכירת עמלק
איז בלויז א מצוה פרטית פון דער תורה, משא"כ מ"ת איז דאך
כללות ענין התורה, וואלט לכאורה פריער געדארפט זיין מ"ת
און דערנאך קען ערשט קומען דער ענין פרטי פון זכירת מלחמת
עמלק?

וועט מען דאס פארשטיין פון דעם מיט וואס עמלק האט
מלחמה: בנוגע עמלק שטייט "כי יד על כס י-ה מלחמה לה' בעמלק
מדר דר", אז עמלק איז מנגד עס זאל זיין "השם שלם וכו'", ד.ה.
אז ער איז ניט מנגד אינגאנצן אויפן שם, נאר ער איז בלויז
מנגד אויפן שלימות השם, עס זאל ניט זיין השם שלם - און אין
שלימות השם גופא, איז ער מנגד אויף די אותיות ו' ה' און ניט
אויף די אותיות י' ה'.

ולכאורה אויב ער האט מלחמה מיט אלקות, פארוואס איז
ער ניט מנגד אינגאנצן אויף אלקות? פארוואס איז ער ניט מנגד
אויפן גאנצן שם? און אפילו אז ער האט מלחמה בלויז מיט שלימות
השם, פארוואס האט ער מלחמה מיט די לעצטע אותיות ו' ה' דוקא,
און ניט מיט די ערשטע אותיות י-ה?

ואדרבה: דער עיקר המלחמה וואלט ביי אים געדארפט
זיין אויף י-ה, ווארום אין יעדער ענין זיינען דער עיקר
די ערשטע אותיות, כמבואר בשעהיוה"א, איז דאך דער עיקר השם
די אותיות י-ה; ובפרט אז די אותיות י-ה בפני עצמם זיינען
אויך אן ענין און א שם בפ"ע, ביז דאס איז פון די ז' שמות
שאינם נמחקים, משא"כ די אותיות ו-ה זיינען ניט קיין ענין
בפני עצמם;

היינט בשעת ער וויל מלחמה האלטן מיט שלימות השם,
האט ער ניט געדארפט צולאזן די ערשטע אותיות י-ה, אבער ניט
האלטן מלחמה בלויז מיט די לעצטע אותיות ו-ה?

וועט דאס זיין מובן עפ"י הביאור אין די ד' אותיות
שם הוי' ווי עס איז מבואר אין תניא אין דעם ערשטן חלק, אין
צווייטן חלק און אין דעם דריטן חלק, מיוסד אויפן זוהר - און
ווי דאס איז בנפש האדם, וכמבואר אז בשעה מ"ת איז געווארן
"אנכי ה' אלקיך", אז הוי' איז געווארן "אלקיך - כחך וחיותך",

ובמילא

הנחת הת' בלתי מוגה

ובמילא איז ביי יעדער איד פאראן די ד׳ אותיות שם ה׳; וואס אותיות האבן אין זיך ענינים, און אויך די ד׳ אותיות פון שם הוי׳, האט יעדער אות זיין ענין.

והענין הוא: דער ערשטער חיות וואס הויבט אן צו לייכטן ביי א מענטשן בכלל, און ביי אידן וואס "אתם קרויים אדם" בפרט, איז דאס דער שכל, און דאס איז מאיר באופן פון נקודה, ווי א ברק; וואס אין אותיות איז דאס דער אות יו"ד, ווארום יעדער אות האט דאך א גאנצע התפשטות פון אורך און רוחב, און דער איינציקער אות וואס איז בלויז א נקודה, איז דער אות י׳, וואס דערפאר באווייזט דאס אויף דער ערשטער חיות וואס הויבט אן צו לייכטן ביי א מענטשן - אויף ענין השכל, וואס דאס איז מאיר בנקודה, ווי א ברק.

דער תכלית פון דער נקודה איז אבער ניט עס זאל בלייבן א נקודה, נאר עס זאל אראפקומען אין א התפשטות לפרטים; וואס דאס איז בדוגמת אות ה׳ וועלכער האט א התפשטות לאורך ולרוחב, וואס דאס באווייזט אז דער שכל וואס איז פריער געווען נאר בנקודה, קומט אראפ לפרטים; וואס דאס איז ניט דער אנהויב פון דעם שכל, ווארום ביי די התפשטות האלט מען שוין אינמיטן, אבער דאס איז דער שכל ווי דאס קומט אראפ אין פרטים.

דער תכלית פון שכל איז אבער ניט דאס זאל בלייבן אין מוח, נאר דאס זאל אויך אראפקומען אין מדות שבלב, און פון מדות זאל דאס אראפקומען בפועל אין מעשה - זיינען דאס די אותיות ו׳ ה׳, וואס ו׳ איז א קו וואס ווייזט אויף המשכה, וואס דאס איז די המשכה פון מוחין למדות, און דערנאך אות ה׳ וואס דאס ווייזט אויף פועל - מחשבה דיבור ומעשה.

און דאס איז דער ענין פון עמלק, אז ער איז נאר מנגד אויף די אותיות ו׳ ה׳ און ניט אויף די אותיות י׳ ה׳, ווארום דער ענין פון מוחין ארט איס ניט, ער וויל נאר אז פון מוח זאל ניט נמשך ווערן אין די אותיות ו׳ ה׳, אין מדות ומעשה.

פארוואס האט טאקע עמלק ניט מלחמה אויף מיט דעם ענין פון מוחין? נאר ער וויל אז ניט נאר די וואס האבן ניט קיין השגה אין אלקות, זיי זאל ער מנצח זיין, נאר אפילו די וואס ביי זיי לייכט אלקות בגלוי המוח, אויך זיי זאל ער מנצח זיין - אז דאס זאל ניט אראפקומען במדות שבלב און דערנאך אין מעשה; ובמילא טענה׳ט עמלק אז שכל קען בלייבן, עס קען זיין "יודע את רבונו", אבער ס׳זאל זיין "ומכוון למרוד בו", אז דאס זאל ניט נמשך ווערן למטה מן השכל.

און דאס איז דער ענין פון "עמלק" אותיות "מלק", וואס דאס מיינט אפהאקן די קאפ [ווי עס שטייט לגבי בלק ובלעם], אז די קאפ זאל ניט פועל׳ן אויף מדות ביז אין מחשבה דיבור ומעשה.

דעריבער איז ענינו של עמלק מנגד זיין אויף שלימות השם - אויף די אותיות ו-ה, ווארום ער טענה׳ט אז דו קענסט האבן תורה, אבער דאס זאל זיין נאר אין קאפ; וכנ"ל אז ער איז ניט

ניט מבגד איינגאנצן אויף אלקות, ער זאגט נאר אז די תורה זאל בלייבן במוח און ניט נמשך ווערן אין לב, און פון לב במדו"ם,

דערפאר איז אזוי שטארק נוגע זכירת מעשה עמלק, ווייל דאס איז נוגע אין אלע ענינים, ווארום ער פועל'ט א קרירות אז עס זאל קענען זיין "יודע את רבונו", אבער צו מעשה זאל דאס ניט קומען.

ובמילא איז דאס מער נוגע אפילו ווי געדענקען מ"ת, ווארום דער ענין פון מ"ת איז דאך ווי די גמרא (שבת פח,ב) זאגט אז די מלאכים האבן גע'טענה'ט "תנה הודך על השמים" - די מלאכים האבן גע'טענה'ט אז תורה האט א שייכות מער צו מלאכים און צו נשמות ווי זיי זיינען אין ג"ע; האט מען זיי געענטפערט אז תורה איז דוקא למטה וואו "למצרים ירדתם ויצר הרע יש ביניכם", ווייל תורה דארף פועל'ן אין למטה אין מעשה בפועל; ובמילא מובן אז כל זמן ס'איז נאך דא עמלק וואס דערלאזט ניט אז פון מוח זאל נמשך ווערן במעשה בפועל, וואס במילא בלייבט תורה ברוחניות, האט נאך אן ארט טענת המלאכים "תנה הודך על השמים" - קען מען ניט געדענקען מתן תורה, ווארום אפילו אז מ'געדענקט, האט מען ניט דעם ענין התורה, וואס ענינה איז אז עס זאל אראפקומען אין א מעשה בפועל, ווארום ס'איז דא די טענה אז אויב דו האלסט ביי רוחניות, איז למעלה העכער.

און דוקא בשעת מ'נעמט אראפ דעם ענין פון עמלק, אז פון מוח ווערט נמשך ביז אין מעשה בפועל, דעמאלט קען זיין מ"ת - אז מ'זאל געבן תורה למטה; וואס דערפאר האט געדארפט זיין "מה שמועה שמע ובא וכו' מלחמת עמלק", ווארום ערשט נאך דעם קען זיין מתן תורה.

דאס איז אויך א הוראה, ווארום אויף מלחמת עמלק שטייט דאך "מלחמה לה' בעמלק מדר דר", און ער טייטשט דאך אפ אין תרגום יונתן אז דאס גייט אויף דרא דמשיחא, דארף מען אפלערנען פון דעם: דער ענין פון עמלק איז "אשר קרך בדרך", ער פועל'ט א קרירות, טענה'נדיק אז אפילו אויב דו פארשטייסט בשכל גדלות הא-ל און שפלות האדם, אבער וואס דארפסטו נתפעל ווערן פון דעם, און וואס פאר א שייכות האט דאס מיט דיר; דער אויבערשטער איז דער אויבערשטער, אבער דו ביסט בלויז א בשר ודם, איז וואס האט דאס צו טאן מיט דיין הנהגה, און וואס איז נוגע צי דו וועסט אנטאן ציצית און לייגן תפילין און היטן שבת, ס'איז דאך "רם על כל גוים ה' - על השמים כבודו", ער האט ניט צו טאן מיט גשמיות העולם.

דארף מען וויסן אז דאס איז טענת עמלק - ער קומט צוגיין צו אידן און וויל זיי אפקילן, "ויבוא עמלק", ער האט זיך אליין אנגעשלאגן, קיינער האט זיך מיט אים ניט געטשעפעט, נאר ער איז אליין געקומען [וואס דאס איז דער פירוש "ויבוא", אז ער איז געקומען פון איין ארט צו א צווייטן ארט], איז די הוראה אז מ'דארף טאן אלץ וואס ס'איז ביכלתו ניט

הנחת הת' בלתי מוגה

ניט נתפעל ווערן פון עמלק, און אויפטאן עס זאל ווערן השם שלם, אז פון די אותיות י-ה זאל נמשך ווערן אויך אין ו-ה, אז פון מוחין זאל נמשך ווערן אין מדות שבלב ביז אין מחשבה דיבור ומעשה,

וואס דאס איז די הכנה אז מ'זאל צוקומען צו דער כניסה לארץ און דעם ענין פון מינוי מלך, דעם מלך המשיח, וואס דע-מאלט וועט זיין וילחום מלחמת ה', און מ'וועט מברר זיין ווער ס'איז עמלק און מ'וועט מלחמה האלטן מיט עמלק כפשוטו און מ'וועט מקיים זיין דעם ציווי מחה תמחה את זכר עמלק כפשוטו, און דאס וועט זיין ע"י משיח ודאי, און ער וועט בויען דעם מקדש במקומו, וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו בעגלא דידן.

בס"ד. שיחת ש"פ ויקרא, פ' זכור תשל"ג. <u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. פ' זכור איז איינער פון די ד' פרשיות וועלכע מ'לייענט קודם חג הפסח, אנהייבנדיק פון פ' שקלים, דערנאך פ' זכור, דערנאך פ' פרה און דערנאך פ' החודש,

ואע"פ אז מ'האט גערעדט אין דעם פריערדיקן פארברייינגן (ש"פ ויקהל פ' שקלים) אז ס'איז פאראן א מעלה אין פ' שקלים לגבי שאר הד' פרשיות – אז פ' שקלים האט א קשר <u>בגלוי</u> מיט <u>אלע</u> טעג פון יאר, ווארום אין פ' שקלים לייענט מען וועגן די מצוה פון מחצית השקל – "זה יתנו גו' מחצית השקל גו'", און פון די מחצית השקל וועלכע אידן האבן געגעבן האט מען געקויפט די קרבן תמיד וועלכע מ'האט מקריב געווען בכל יום ויום מכל ימות השנה, און נאכמער – פעמיים בכל יום – בבקר ובערב, אשר כך הוא גם ברוחניות הענינים – סיי בשעת עס איז ליכטיק און סיי בשעת עס איז פינסטער, ד.ה. אז התחלת (וסיום) עבודת של כל יום ויום מימות השנה האט זיך גענומען פון די מחצית השקל, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז פ' שקלים – די קריאה וועגן מצות מחצית השקל – איז פארבונדען בגלוי מיט אלע טעג פון יאר, וואס אט דער מעלה געפינט מען ביי פ' שקלים דוקא,

פונדעסטוועגן, איז פאראן א מעלה אין די קריאה פון פ' <u>זכור</u> לגבי שאר הד' פרשיות, אפילו לגבי פ' שקלים, וואס דערפאר דארף מען טאקע אנקומען צו פ' זכור; ד.ה. אז אפילו לאחר ווי מ'האט שוין געלייענט פ' שקלים, ועד"ז פ' פרה ופ' החודש, מ"מ פעלט נאך אן ענין וואס איז פאראן דוקא אין די קריאה פ' זכור, במילא איז פאראן אויך דער חיוב פון קריאת פ' זכור – להשלים ענין זה.

כמדובר כמה פעמים, אז די ביאורים שבפנימיות הענינים וברמז קומען זיי ארויס אויך אין ענינים פון נגלה דתורה, ביז אז לפעמים קומט עס ארויס אויך אין הלכה בפועל.

ועד"ז אין דעם ענין, אז דער עילוי פון פ' זכור לגבי שאר הפרשיות קומט ארויס ביז אין הלכה בפועל; עס איז פאראן דער ענין פון קריאה בתורה בשבת ויו"ט, דערנאך לייענט מען בתורה בב' וה' און שבת במנחה, דערנאך איז פאראן די קריאה פון די ד' פרשיות וכו', האט די קריאה פון פ' זכור אן ענין וואס איז ניטא ביי די אלע ענינים פון קריאה בתורה, וכנ"ל, זעט מען דאס אין הלכה בפועל.

און דאס איז – אז די קריאה פון פ' זכור איז מן <u>התורה</u>; דער ענין פון קריאה בתורה איז א תקנה דרבנן, ווי די גמרא זאגט אז משה רבינו האט מתקן געווען אז מ'זאל לייענען בתורה וכו', ושלא כטעות העולם אז תקנות דרבנן האט זיך אנגעהייבן מיט אסאך יארן שפעטער, נאר גלייך בשעת מ"ת זיינען שוין געווען תקנות דרבנן, כנ"ל אז גלייך נאך מ"ת האט משה רבינו מתקן געווען, ניט מיט'ן הוקף פון־אן ענין דאורייתא, נאר מיט'ן הוקף פון א תקנה דרבנן, .. פון אז אידן זאלן לייענען בתורה בשבת ויו"ט וכו', ביז אז די תקנה לייענען בתורה בב' וה' וכו' איז געבויט אויף א פסוק וואס שטייט <u>פאר</u> מ"ת – "וילכו שלשה ימים בלי מים" ווי די גמרא זאגט אין ב"ק אז פון דעם פסוק לערנט מען אפ אז עס זאל ניט דורכגיין שלשה ימים בלי קריאה בתורה, ד.ה. אז דער ענין פון קריאה בתורה איז א תקנה דרבנן,

משא"כ פ' זכור איז קריאתה מן <u>התורה</u>, וואס דאס איז אן ענין וואס איז ניטא ביי די אנדערע ד' פרשיות; פ' שקלים און פ' החודש זיינען זיכער מדרבנן; בנוגע צו פ' פרה זיינען פאראן סברות אז דאס

– איז מדאורייתא –

איז מדאורייתא, אבער עס זיינען פאראן סברות אויף אנדערש, משא"כ בנוגע פ' זכור, הנה לכל הדיעות איז קריאתה מן התורה, ביז אז אזוי פסק'נט ער אפ אין שו"ע להלכה בפועל - אז די קריאה פון פ' זכור איז מדאורייתא, ווארום דאס איז פארבונדן מיט א מ"ע מן התורה פון "זכור את אשר עשה לך עמלק".

ואפילו לויט די דיעות אז די קריאה פון פ' זכור איז ניט מן התורה, ווייל די מצוה פון "זכור" (איז ניט פארבונדען מיט א ציבור דוקא, נאר דאס) קען אויך זיין ביחיד, און דאס מוז ניט זיין ע"י קריאה בתורה דוקא וכו' - איז ערשטענ'ס איז דער פסק דין אין שו"ע ניט אזוי, און צווייטנ'ס - אפילו לשיטתם - איז דאס פארבונדן מיט א ענין של תורה, ובלשון הידוע, "יש לה עיקר מן התורה" ד.ה. אז אפילו אויב די קריאה פון פ' זכור ניט א מ"ע דאורייתא, איז אבער עכ"פ יש לה עיקר מן התורה.

און אין דערויף באשטייט די מעלה מיוחדת פון פ' זכור לגבי שאר הפרשיות, אז קריאתה איז מן התורה (או עכ"פ - יש לה עיקר מן התורה).

מ'דארף נאך אבער פארשטיין: וואס איז אזוי די מעלה מיט'ן גאנצן שטורעם אז דאס איז אן ענין מן התורה - בשעת אז אן ענין מדרבנן איז אויך אן ענין נעלה ביותר, וכידוע אז מ'דארף מדקדק זיין אין א דקדוק קל של דברי סופרים פונקט ווי מען איז מדקדק אין א מצוה מן התורה, ובפרט בנוגע צו קריאה בתורה, שאין זה דקדוק קל של דברי סופרים, נאר דאס איז א תקנה נאך פון משה רבינו'ס צייטן אן, ביז מ' זאגט באכמעד, אז חמורים עלי דברי סופרים יותר מדברי תורה, אדער ווי עס שטייט דער צווייטער לשון - ערבים עלי דברי סופרים יותר מדברי תורה.

איז וואס איז אזוי דער געוואלד, און מ'מאכט פון דעם א גאנצן שטורעם, אז די קריאה פון פ' זכור איז מדאורייתא?

איז דער ביאור בזה, בהקדם, אז לאחרי כל ההפלאות שישנם אין די ענינים שהם מדרבנן, טוען זיי ניט אויף אין וועלט אזוי ווי א מצוה דאורייתא, ובלשון פון הלכה - אז די מצות דרבנן זיינען ניט א חיוב אויפ'ן "חפצא" נאר א חיוב אויפ'ן "גברא", ווי ל דער ביאור פון תושבע"פ האט ניט בכח ארויף לייגען א חיוב על ה חפצה", בלויז אויפ'ן מענטשן, און דורך אים פועל'ן מען בעולם, ר.ה. אז א מצוה דרבנן טוט ניט אויף אין וועלט אזוי ווי א מצוה מהתורה; דאס איז ניט משנה וועלט.

און וויבאלד אז דער שלימות פון א איד'ן איז ניט נאר אז ער זאל ווערן אנדערש ע"י לימוד התורה וקיום המצות, נאר צו פועל'ן אז אויך וועלט זאל ווערן אנדערש, איז דאס לייכטער צו פועל'ן ע"י א מצוה מן התורה ווי א מצוה דרבנן.

איז בנוגע צו דעם וואס א איד איז אן עבד פון מלך מלכי המלכים הקב"ה, איז ניטא קיין חילוק וואס פאר א מצוה ער איז מקיים, ובלשון הידוע - אפילו נצטוינו לחסוב עצים - אן ענין וואס טוט ניט אויף קיין זאך בעולם, דארף ער דאס מקיים זיין מיטן זעלבן שטורם פונקט ווי ער איז מקיים א מצוה וואס טוט אויף אין אלע עולמות.

ואדרבה: דוקא ע"י קיום מצות אלו דריקט זיך אויס ווי א איד איז אן עבד פון דעם אויבערשטן: בנוגע די מצות וועלכע טוען אויף אין וועלט, איז ניט אזוי קענטיק בעשייתם אז א איד איז זיי מקיים בלויז מצד ציווי הקב"ה, ווארום סגולת המצוה – דאס וואס די מצוה טוט אויף – איז מעלים אויפן עצם המצוה – דאס וואס די מצוה איז א ציווי פון דעם אויבערשטן, ובמילא ווערט נרגש אין זיין עשי' אז דאס ווערט געטאן מצד די ענינים נעלים וועלכע די מצוה וועט אופטאן, און עס הערט זיך ניט אן בקיום מצות אלו אז א איד איז זיי מקיים בלויז דערפאר וואס ער איז אן עבד פון דעם אויבערשטן, און א עבד מוז ממלא זיין רצון האדון.

משא"כ בנוגע צו מצות דרבנן אין וועלכע ד.ר ענין פון פועל'ן אין וועלט איז ניט אזוי שטארק, ראס טוט אויף אן ענין נעלה, אבער דאס איז ניט קיין עיקר, הנה בקיום מצות אלו ווערט אויסגעדריקט ווי א איד איז מקיים דעם אויבערשטן'ס רצון שלא ע"מ לקבל פרס, ווארום ער האט ניט אין דערויף קיינע פניות – אז עי"ז טוט ער אויף כמה ענינים וכו', נאר ער איז מקיים די מצוה בלויז ווייל אזוי האט אים דער אויבערשטער אנגעזאגט, ווייל ער איז אן עבד פון דעם אויבערשטן.

און דערפאר זאגט מען "ערבים עלי ד"ס יותר מדברי תורה", אז דער "ערבות" פון זיין אן עבד פון מלך מלכי המלכים הקב"ה איז מער ביי דברי סופרים.

אבער בנוגע צו אופטאן אין וועלט, וואס דער עיקר השליחות פון א איד'ן איז אויף איבערמאכן ו.עלט, איז דאס לייכטער צו פועל'ן מיט א מצוה מן התורה, ווארום די מצות דאורייתא האבן מער בכח צו מסנה זיין וועלט ו.י דז מצוה דרבנן כנ"ל.

פון דעם אלעם איז פארשטאנדיק די מעלה מיוחדת שישנה בפ' זכור בזה שקריאתה מן התורה – אז פ' זכור פועל'ט און טוט אויף אין וועלט יותר משאר הד' הפרשיות.

צו פארשטיין בעסער פארוואס די הדגשה פון אויפטאן אין וועלט איז פארבונדען דוקא מיט פ' זכור, אשר לכן איז די קריאה פון פ' זכור (דוקא) מן התורה – דארף מען פריער פארשטיין דער כללות הענין פון פ' זכור, שישנם בזה כמה תמיהות:

די פרשה הייבט זיך אן מיטן מצוה פון "זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים", און דערנאך איז מען מסיים: "והי' בהניח הוי' אלקיך לך מכל איביך מסביב תמחה את זכר עמלק", וואס דאס איז די מצוה פון "מלחמת עמלק",

איז לכאו' ניט פארשטאנדיק: ווייבאלד מ'קען ניט ביין פירן מלחמה מיט עמלק ביז עס וועט זיין ישראל יושבים על אדמתם, אין א זמן פון מנוחה, ווי דער פסוק אליין זאגט אז מ'דארף ווארטן ביז "בהניח ה' אלקיך לך מכל איביך מסביב" – פארוואס זאגט מען אידן איצטער, ו.ען מען געפינט זיך אין אן אנדער מצב לגמרי, אז זיי דארפן געדיינקען – "זכור את אשר עשה לך עמלק", בשעת זיי קענען סיי ווי ניט מקיים זיין דער "תמחה את זכר עמלק"? וואס איז די תועלת צי ער וועט יא געדענקען צי ער וועט ניט געדענקען, אז דאס קען סיי ווי ניט ארויס קומען אין א פועל, ווארום דערווייל קאן מען ניט גיין פירן מלחמה מיט עמלק?

נאך א פרט אין דעם: די מצוה פון "זכור" איז א מצוה על היחיד, אז יעדער יחיד לעצמו דארף געדענקען את אשר עשה לך עמלק, משא"כ די מצוה פון "תמחה את זכר עמלק" איז א מצוה על הציבור, וכמובן דערפון וואס די גמרא זאגט אין סנהדרין (כ,ב) אז ג' מצות נצטוו בנ"י בכניסתן לארץ - א) להעמיד להם מלך, ב) להכרית זרעו של עמלק, ג) לבנות בית הבחירה, פארוואס קומט די מצוה להכריח זרעו"של עמלק" נאך די מצוה פון "להעמיד להם מלך" - שטייט דער טעם אויף דעם, אז מלחמת עמלק איז א מצוה על הציבור, אשר לכן דארף מען פריער ממנה זיין א מלך, וואס דאס מאכט אויף די מציאות פון א ציבור, און דערנאך קען מען ארויסגיין למלחמה מיט עמלק'ן בראשיתו של המלך - זייענדיק א ציבור.

איז ניט מובן: פארוואס גיט מען א מצוה לכל יחיד בפני עצמו אז ער דארף געדענקען את אשר עשה לך עמלק, בשעת די מצוה פון "תמחה את זכר עמלק" - צו וועלכע די מצוה פון "זכור" ברייגגט - איז ניט א מצוה על היחיד, נאר א מצוה על הציבור [ד.ה. אז אמת טאקע יעדער יחיד איז דאס מקיים, אבער ניט אלץ א מציאות בפני עצמו, נאר אלץ א חלק פו' דעם ציבור, ווארום א ציבור ווערט אויפגעמאכט פון יחידים] - אז דער ציבור דארף פיהן מלחמה מיט עמלק?

און די מצוה פון "זכור" איז ניט א חוקה, נאר דאס האט אויף זיך א טעם והסברה, ו.י דער פסוק אליין איז מאריך אין די פרטים שבזה, אז דאס איז געווען "בדרך בצאתכם ממצרים", און "אשר קרך בדרך גו'" ד.ה. אז דער פסוק אליין איז מאריך בהסברת הענין כדי מ'זאל קענען מעורר זיין ביי זיך א שנאה צו עמלק, און מען איז נאך מוסיף אז עס דארף זיין זכור בפה און לא תשכח בלב וכו',

לכאו' איז ניטא קי ן גרעסערער חוקה ווי דער מצוה - אז מ'זאל אנזאגן אידן לזכור מעשה עמלק בשעת עס איז לכאו' ניטא קיין תועלת בזכירה זו, ווארום מ'קען סיי ווי ניט מקיים זיין די מצוה?

ד.ה. אז דערביי זיינען פאראן צוויי קצו.ת: מ'זאגט אן א אידן בזמן הגלות אז ער דאדף געדענקען אשר עשה לך עמלק, וואס דאס איז געווען ניט היינט, נאר מיט טויזנטער יארן צוריק, ווי דער פסוק אליין זאגט - "בדרך בצאתכם ממצרים", און וואס איז די תועלת פון די זכירה - אז בשעת עס וועט זיין "בהניח ה"א לך מכל איביך מסביב", וואס דאס איז ניט אין דעם טאג, און ניט אין דעם מצב פון גלות, נאר א מצב הפכי, דארף דעמאלט זיין "תמחה את זכר עמלק", ובפרט ווי כמה אחרונים זאגן אז איצטער - לאחר שבא סנחריב ובלבל את העולם - קען מען ניט וויסן ווער איז מזרעו של עמלק, און מ'וועט דארפן א בירור מיוחד בזה - קען מען געווים ניט מקיים זיין איצטער די מצוה פון "תמחה את זכר עמלק",

ואעפ"כ זאגט מען אז די קריאה פון פ' זכור איז נוגע לכל השנה כולה, ביז אז בכל פעם ופעם וואס א איד דערמאנט זיך וועגן מעשה עמלק - איז ער מקיים א מצוה מהתורה, לכל הדיעות, ד.ה. אז אפילו לויט די דיעות אז מ'קען יוצא זיין די מצוה פון "זכור את אשר עשה לך עמלק" ע"י די קריאה פון פ' זכור פעם אחת בשנה, ביז אז ס'איז פאראן דער לשון הידוע פון ספר החינוך אז מ'קען יוצא זיין די מצוה ע"י זכירה פעם אחת בחייו - איין מאל אין לעבן, איז דאס אלץ בנוגע צו יוצא זיין ידי חובתו - אז ער איז יוצא די מצוה ע"י זכירה פעם אחת בשנה אדער פעם אחת בחייו, אבער בנוגע צו קיום המצוה, איז דאך א דבר בדור - לכל הדיעות - אז יעדער מאל ווען א איד דערמאנט זיך וועגן מעשה עמלק, איז ער מקיים א מ"ע דאורייתא,

ע"ד ווי דאס איז בנוגע כמה מצות, ולדוגמא – מצות מעקה, אז ס'איז ניטא קיין חיוב אז א איד מוז קויפן א בית כדי לקיים מצות עשיית מעקה, אבער אויב ער האט א שטוב און ער בויט א מעקה – איז ער מקיים די מצות עשה פון "ועשית מעקה לגגך", ועד"ז בנדו"ד, אז ס'איז ניטא קיין חיוב אויף א אידן אז ער מוז געדענקן מעשה עמלק בכל רגע ורגע, נאר ער איז יוצא ידי חובתו ע"י זכירה פעם אחת בשנה וכו' כנ"ל, אבל מ"מ – בכל פעם ופעם וואס ער דערמאנט זיך וועגן דעם, איז ער מקיים די מ"ע פון "זכור את אשר עשה לך עמלק",

ביז אז בכל יום ניום איז פאראן דער ענין פון זכירת מעשה עמלק, ווי דער אלטער רבי ברייננגט אראפ בשו"ע שלו (סי' ס' ס"ד) אז אין ברכת ק"ש דארף מען מכוון זיין וועגן מעשה עמלק, ועד"ז דערמאנט מען וועגן מעשה עמלק אין די שש זכירות שאומרים בכל יום וואס די שש זכירות ברייננגט דער אלטער רבי אין זיין סידור, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז א דבר השוה לכל נפש, און דער ענין פון דערמאנען מעשה עמלק בכל יום איז פארבונדען מיט אן עיקר מן התורה,

וכל זה איז מורה אויף די חשיבות מיוחדת פון פ' זכור, וכפי שיתבאר לקמן.

ב. דער ציווי "זכור את אשר עשה לך עמלק", "לא תשכח", און "תמחה את זכר עמלק", רעכנען זיך פאר דריי באזונדערע מצות. ועפ"ז האט מען געקענט לכאו' מבאר זיין דאס וואס דער ציווי "זכור" איז א ציווי תמידי, העפ"י אז דער "תמחה את זכר עמלק" איז דוקא ווען "בהניח ה"א לך מכל אויביך", ווייל "זכור" און "תמחה" זיינען צוויי באזונדערע מצות.

אבער אין אמת'ן איז דער ביאור ניט מספיק. ווארום וויבאלד דער ציווי "זכור" איז ניט קיין חוקה נאר ס'איז א ציווי שעפ"י הסברה, ווי גערעדט פריער (בשיחה א'), איז דאך ניט פארשטאנדיק: וואס פאר א תועלת איז דא אין דעם "זכור" בכל זמן וזמן, בשעת אז מיטן "תמחה" דארף מען ערשט ווארטן אויף "בהניח ה"א לך מכל איביך"?

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז דא זעט מען די גרויסקייט פון א אידן, ווי יעדער איד איז גאנץ כלל ישראל, ובמילא – די גאנצע וועלט. און ווי די משנה זאגט (סנהדרין לז,א) אז "נפש אחת מישראל" איז אזוי ווי אן "עולם מלא", ביז אז ער איז גלייך צו אדה"ר, וכדאיתא במשנה שם "לפיכך נברא אדם יחידי כו'".

און ס'איז ניט נאר אז יעדער איד איז חשוב אזוי ווי די גאנצע וועלט, וואס דערפאר איז "כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא", נאר נאך מער: מצד דעם וואס ער אליין איז אן "עולם מלא", דערפאר איז זיין הנהגה נוגע צו די גאנצע וועלט.

און ווי געזאגט פריער (בשיחה א') אז יעדער ענין פון פנימיות התורה קומט ארויס אויך אין נגלה, ביז אין א הלכה – זאגט די גמרא (קדושין מ,ריש ע"ב) און דער רמב"ם (הל' תשובה פ"ג ה"ד), אז א איד דארף שטענדיק קוקן אז ער און די וועלט איז מחצה על מחצה, און מיט די פעולה וועלכע ער וועט איצט טאן, וועט ער מכריע זיין "את עצמו ואת העולם כולו".

וואס דער ביאור בזה איז כנ"ל: מצד דערויף וואס יעדער איד איז אן "עולם מלא", איז דורך דעם וואס ער איז מכריע "את עצמו", איז ער מכריע אויך "את כל העולם כולו".

און דא זעט מען נאך מער, אז ניט נאר די כללות ההנהגה פון א אידן איז נוגע צו "כל העולם כולו", נאר אפילו איין פעולה - איין מעשה, איין דיבור, אדער איין מחשבה - איז נוגע לכל העולם כולו.

און דאס איז ניט נאר בזמנים מיוחדים, נאר בכל זמן וזמן און אין וועלכער מצב ער זאל נאר ניט זיין, איז מיט יעדער פעולה וואס ער טוט איז ער מכריע את עצמו ואת כל העולם כולו.

און דאס איז אויך אן ענטפער צו די טענה דלקמן: עס טרעפט אמאל אז דער קיום פון א מצוה קומט אן מיט שוועריקייטן. (ולפעמים איז עס ניט וואס ער מיינט אז עס איז שווער, נאר ער האט דערביי טאקע שוועריקייטן. והא ראי' אז ער האט זיך דורכגערעדט מיט א צווייטן (שאין לו נגיעות וכו') און יענער זאגט אויך אז ס'איז שווער).

טענה'ט ער: צי דען דארף איך דורכגיין אזוי פיל שוועריקייטן בכדי צו מקיים זיין בלויז איין מצוה פעם אחת? איז דער ענטפער אויף דעם: די שוועריקייטן וואס ער דארף דורכגיין בכדי צו מקיים זיין די מצוה, זיינען נוגע בלויז צו אים אליין, משא"כ דורך דיז די מצוה וואס ער וועט טאן וועט ער מכריע זיין את עצמו ואת כל העולם כולו. ער וועט זיך באטראכטן אין דעם און מאכן א חשבון צדק, וועט ער פארשטיין בפשטות, אז ס'איז כדאי דורכגיין אביסל שוועריקייטן לשעה קלה בכדי צו איבערשטעלן זיך און אויך די גאנצע וועלט.

און דער טעם צו דעם וואס די פעולה פון א אידן איז נוגע צו כל העולם כולו - איז עס (כמשנת"ל) מצד דערויף וואס יעדער איד אליין איז אן "עולם מלא". ווייל יעדער איד האט אין זיך פון גאנץ כלל ישראל שבשבילם נברא העולם, און דעריבער (איז ע"ד ווי כל העולם כולו איז תלוי אין כלל ישראל, עד"ז איז אויך?) די פעולות פון יעדער אידן זיינען נוגע צו כל העולם כולו.

עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם מאמר הבעש"ט אז בא יעדער אידן דינען פארן דמשך ימי חייו די מ"ב מסעות. ולכאו', וואס פאר א שייכות איז דא צווישן די מ"ב מסעות וואס זיינען געווען בא כלל ישראל בעת צאתם ממצרים? נאר דער ביאור אין דעם איז, אז אלע ענינים וואס זיינען ביי כל. ישראל זיינען דא אויך בא יעטער אידן בפרטיות. וואס דעריבער איז דא ביי יעדער אידן אויך די מ"ב מסעות וואס זיינען געווען ביי כלל ישראל, אנהויבענדיק פון דעם ערשטן מסע - יציאת מצרים.

וואס דאס איז אויך דער ביאור אויף דעם וואס יעדער איד דארף דערמאנען יצי"מ בכל יום ויום, ווי ל דער יצי"מ וואס איז געווען ביי כלל ישראל, שפיגלט זיך אפ אויך בא יעדער אידן, בכל יום ויום ברוחניות.

און כשם ווי בא כלל ישראל, איז נאך יצי"מ איז געווען "ויבא

עמלק", אזוי אויך אין דעם יצי"מ הרוחני שבכל אחד ואחד, אז נאך דעם ווי ער האט שוין געפועל'ט בא זיך צו ארויסגיין פון זיינע מצרים וגבולים, איז נאך רעכט אז עס זאל קומען עמלק – "אשר קרך".

און דאס איז דער ביאור דערפון וואס שטענדיק דארף זיין דער "זכור", ווייל דורך די זכירה גופא, דורך דעם וואס מען געדיינקט וואס עמלק איז, אז אפילו ווי לאחרי א איד פועל'ט בא זיך די יציאת מצרים קען קומען עמלק און פועל'ן אין אים דעם "אשר קרך" – דואך די זכירה גופא באווארנט ער דאס.

און דא איז דער חידוש, אז "זכור" איז מדאורייתא, וואס די מצות דאורייתא פועל'ן אויף די מציאת העולם (כנ"ל בשיחה א').
ד.ה. אז דורך דעם קיום מצות "זכור", וויבאלד אז דאס איז מדאורייתא, איז ניט נאר אז דורך דעם באווארנט ער אז ער זאל זיך היטן וכו', נאר דורך דעם פועל'ט ער טאקע אז עס ווערט בטל קליפת עמלק.

דאס וואס דער "זכור" איז ניט מספיק און עס דארף זיין "תמחה את זכר עמלק" – איז עס מצד דערויף וואס ס'איז נאך דא דער מציאות פון עמלק בעולם, קען דאך קומען עמלק צו א צווייטן אידן, און אפילו צו אים אליין מארגן אדער איבער מארגן, און דעריבער דארף זיין דער "תמחה", אבער בנוגע צו עמלק שבנפשו, וואס איז נוגע צו דעם טאג, איז דורכן "זכור" איז ער אים מבטל.

און אזוי ווי דאס איז נוגע לעצמו, עד"ז איז אויך בנוגע לזולתו: בשעת ער טרעפט אן א צווייטן אידן וואס מ'דארף אים באווארענען פון קליפת עמלק "אשר קרך", דארף ער מיט אים ריידן וועגן דעם ענין פון "זכור". כשם ווי ער דארף ריידן מיט אים וועגן "אנכי הוי' אלקיך גו'", אזוי דארף ער ריידן מיט אים אויך וועגן "זכור את אשר עשה לך עמלק גו'".

אויך "אנכי" איז נאר איין מצוה, ס'איז טאקע א"עיקר", אויך א שרש לכל המצות כמבואר בתניא (רפ"כ), אבער אין מנין פון תרי"ג מצות ציילט זיך "אנכי" בלויז פאר איין מצוה. איז כשם ווי ס'איז נוגע דער ענין פון "אנכי" אזוי איז נוגע אויך דער ענין פון "זכור".

און דאס וואס ער טענה'ט: בכדי צו פועל'ן מחיית עמלק דארף זיין "והי' בהניח ה"א לך מכל אויבך", היינט וויבאלד יענער שטייט ניט אין דעם מצב פון "בהניח גו' מכל אויבך", אדרבה, ער שטייט אין א מצב של קצה ההפכי, טא וואס איז שייך צו ריידן מיט אים וועגן עמלק?

אויף דעם דארף ער וויסן, אז אפילו בשעת יענער שטייט נאך פאר דעם מצב פון "בהניח גו'" וואס במילא קען נאך מצד אים ניט זיין דער "תמחה גו'" (בנוגע לעמלק שבעולם), דארף ער אבער גלייך שוין איצטער פועל'ן ביי אים דער "זכור", און אויף די זכירה עצמה וועט שוין פועל'ן דעם ביטול קליפת עמלק שבנפשו כנ"ל.

וואס דאס איז אויך נוגע צו כללות העולם, ווארום יעדער איד איז אן "עולם מלא", און מיט יעדער פעולה וואס מען טוט אויף איין איד, איז מען מכריע את כל העולם כולו, כנ"ל בארוכה.

און דעריבער דארף ער זיך משתדל זיין אויך בנוגע צו אייך אידן, צו מבטל זיין און אראפנעמען דעם "אשר קרך" וואס בא אים, און אנצינדען דעם פייער וואס בא אים. וואס בא יעדער אידן איז דא א ניצוץ, מען דארף אים בלויז פונאנדערפלאקערן און מאכן פון אים א אש גדולה, וואס דאן וועט דער פייער פארברענען די "הומריות" און עס וועט בלייבן בלויז גשמיות, און פון די גשמיות וועט מען מאכן רוחניות. וכמאמר כ"ק אדה"ז אז דער אויבערשטער גיט אידן גשמיות און אידן מאכן פון גשמיות רוחניות. (חסר קצת)

און אזוי ווי דער סדר אין די ג' מצות איז דאך אז בתחילה קומט די מצוה מינוי מלך, דערנאך – מחיית עמלק, דערנאך – בנין בית הבחירה,

עד"ז איז אויך אז דורכן קיום פון "זכור" וועט מען קומען צו מינוי מלך, אז יעמוד מלך מבית דוד, דערנאך ילחום מלחמת ה' וינצח וואס אין דעם איז כלול אויך מלחמת עמלק, דערנאך יבנה ביהמ"ק במקומו, בקרוב ממש ובעגלא דידן.

ג. פרשת זכור איז ניט פארבונדען מיט א יום מסויים בחודש, נאר – מיט דעם שבת וואס פאר פורים. ובמילא, איז אין די קביעות פון פרשת זכור (בנוגע לימי החודש) קען זיין כמה אופנים. איז אבער משמע אז די קביעות איז כבשנה זו, אז פרשת זכור לייענט מען אין דעם טאג וואס פאר פורים, דעמולט איז די שייכות פון פרשת זכור צו פורים קומט ארויס מער בהדגשה.

והביאור בזה:

האס

דער טעם פון דעם וואס מען/קובע געווען צו לייענען פרשת זכור אין דעם שבת וואס פאר פורים, איז ווי די גמרא זאגט אין מס' מגילה (ל,א) אז מען דארף מקדים זיין זכירה לעשי' [ווי עס שטייט (מג"א ט,כח) "נזכרים ונעשים", אז פריער דארף זיין "נזכרים" און דערנאך "ונעשים"], און וויבאלד אז המן איז דאך מזרעו של עמלק, דעריבער איז מען מקדים קריאת פרשת זכור את אשר עשה לך עמלק גו' פאר פורים, וואס איז פארבונדען מיטן נס פון מפלת המן מזרעו של עמלק.

[און דאס איז פארבונדען אויך מיט די הפטרה פון פרשת זכור, וואס עס רעדט זיך וועגן דעם ציווי צו שאול'ן צו הרגענען אגג'ן – ווייל מרדכי איז דאך געווען מזרעו של שאול, און המן איז געווען מזרעו של אגג (כ"ה בזכרון אחדים)]

ועפ"ז מובן, אז בשעת מען לייענט פרשת זכור אין דעם טאג שלפני פורים (כבשנה זו), ד.ה. בי"ג אדר, איז דעמולט מער מודגש דער ענין פון "נזכרים ונעשים" – ווייל דער "נקהלו היהודים גו' לשלוח יד במבקשי רעתם" איז דאך געווען בי"ג באדר. קומט דאך במילא אויס, אז בשעת מען לייענט פרשת זכור בי"ג אדר, איז די "זכירה" פון מעשה עמלק, און די עשי' פון מחיית עמלק, זיינען ביידע אין זעלבן טאג. ובמילא איז דעמולט מער מודגש דער ענין פון "נזכרים ונעשים", אז ווי ס'איז דא דער "נזכרים" קומט גלייך דער "ונעשים", נאך אין דעם זעלבן טאג.

דורך וואס איז געווען דער נצחון – איז דאך דאס ווי ער זאגט

אין דער מגילה "נקהלו היהודים גו'", מצד דעם וואס זיי זיינען געווען "יהודים", וואס דאס מיינט, מצד דעם וואס זיי זיינען געשטאנען אין דער תנועה פון מס"נ במשך כל השנה,

און ווי דער רבי דער שווער האט געזאגט כמה פעמים אז דער טעם פון דעם וואס אין גאנץ מגלת אסתר ווערן זיי אנגערופן מיטן נאמען "יהודים" איז עס ווייל זיי זיינען געשטאנען במס"נ, און כל הכופר בע"ז נקרא יהודי,

ביז אז לא עלתה מחשבה חוץ ח"ו על לב אחד מהם, ווי דער אלטער רבי זאגט אין תו"א. און דער מס"נ וואס זיי האבן געהאט במשך כל השנה, האט געברענגט דעם "ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם", און דאס האט געברענגט אז למהרתו איז געווען א יום משתה ושמחה.

ס'איז דאך ידוע דער פירוש האריז"ל עה"פ והימים האלה נזכרים ונעשים, אז דורך דעם "נזכרים" ווערט דער "ונעשים", ד.ה. אז בכל שנה ושנה איז אויב מען דערמאנט נאר די ענינים וועלכע זיינען געווען דאן, און די זכירה איז כדבעי אזוי ווי תורה וויל מען זאל דערמאנען, טוט זיך אויף דער זעלבער ענין נאכאמאל ווי ער איז געווען בפעם הראשונה,

וואס דאס איז דאך אויך ווי דער בעש"ט טייטשט דעם פירוש פון "הקורא את המגילה למפרע לא יצא", אז אויב מען לייענט די מגילה אין אן אופן פון "למפרע", אז ס'איז א מאורע וואס איז געווען בלויז אמאל מיט יארן צוריק, איז "לא יצא". נאר מען דארף לייענען די מגילה אין אן אופן אז עס איז נוגע צו איצטער. ווארום דורך דעם וואס "נזכרים", ווערט דער "נעשים" אז דער ענין טוט זיך אויך איצטער –

במילא דארף מען וויסן, אז בכל שנה ושנה, בשעת עס קומט י"ג אדר, ווערט נמשך נאכאמאל דער כח, אז בשעת א איד איז נאר מחליט אויף צו ניט נתפעל ווערן פון קיינע גזירות וועלכע זיינען קעגן "יהודים", און ער שטייט מיט א תנועה פון מס"נ "נקהלו ועמוד על נפשם",

איז ווי ער מאכט נאר די החלטה הנ"ל, איז נאך גלייך דעם זעלבן טאג גייט ער ארויס מיט א נצחון גמור, און גלייך לאחרי זה ברייינגט עס צו א שמחה גדולה בידתר, און ניט נאר אז עס ווערט בטל אלע גזירות והתנגדות צו תומ"צ נאר אדרבה עס קומט נאך צו א תוספות חיזוק, אזוי ווי ס'איז געווען דעמולט אז "וקבל היהודים את אשר החלו לעשות", אז דאס וואס במ"ת איז געווען נאר א התחלה איז בפורים קיימו מה שקבלו כבר.

דער ענין פון י"ג אדר איז דאך דער "ונהפוך הוא", אז אין דעם זעלבן טאג "אשר שברו אויבי היהודים לשלוט בהם" איז אין דעם זעלבן טאג געווען דער "ישלטו היהודים המה בשונאיהם".

– דערט מען אין דעם, אז בשעת די מגילה רעדט וועגן די גזירה אז די אויבי היהודים זאלן טאן צו אידן, איז די מגילה מדגיש "ושללם לבוז" (מג"א ג, יג); און בשעת עס רעדט זיך וועגן דעם וואס די אידן האבן געהרגעט זייערע שונאים, איז יעדער מאל באזונדער (ט, י. טו. טז.) איז דער פסוק מדגיש "ובבזה לא שלחו את ידם".

ולכאורה אינו מובן (וואס אמאל טעמים בלתי מובנים טשעלט מען זיך ניט אויף דעם): בשעת עס רעדט זיך וועגן א גזירה פון "להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד", איז

וואס גיט דא שוין צו די הוספה אז די גזירה איז אויך געווען אויף זייערע געלט "ושלל לבוז"? און אזוי אויך לאידך גיסא: וואס איז אזוי נוגע צו מדגיש זיין <u>בכל פעם ופעם</u> אז "ובבזה לא שלחו את ידם"?

און וויבאלד אז מען איז מחויב צו הערן די <u>גאנצע</u> מגילה, און מען טאר ניט פארפעלן אפילו איין ווארט - איז דאך מובן, אז די הדגשה פון "ושלל לבוז" און פון "ובבזה לא שלחו את ידם", איז אן ענין עיקרי וואס מ'דארף ארויסנעמען פון קריאת המגילה.

איז דער ביאור אין דעם, אז אט דא זעט מען דעם חילוק צווישן א איד מיט א גוי, להבדיל;

א איד, איז בשעת ער שטייט אין א תנועה וואס "נקהלו ועמד על נפשם", אויף נפשם פון "יהודים", איז אפילו אויב ער קען נעמען בזה, און אפילו **בשעת** דער בזה געהערט צו אים ע"פ דין, [און ווי ס'איז מוכרח פון חומש אז ביזה פון א מלחמה געהערט צו דעם מנצח המלחמה. וואס דאס איז אפילו בא א גוי, ועאכו"כ אז דאס איז אזוי בא א אידן], פונדעסטוועגן נעמט ער דאס ניט. ווייל זייענ-דיק אין א מצב פון "עמוד על נפשם", (זיי האבן דערפילט אז דאס איז א ענין וואס איז נוגע) צו"נפשם" גוף נפש פון "יהודים", דעמולט איז זיי קיין זאך ניט נוגע, מערניט ווי לעמוד על נפשם.

וואס עד"ז געפינט מען בדקות דדקות אין דער ענין המופתים, וואס ס'איז ידוע דער ווארט וואס דער אלטער רבי האט געזאגט, אתי היתה ושלחתי, אז זייענדיק ביים רבי'ן - געמיינט דעם מעזריט-שער מגיד, וואס השנה איז שנת המאתים להסתלקותו - האבן זיך געוואלגערט ניסים אונטער'ן באנק, נאר קיינער האט זיך ניט ארפגעבויגן זיי אויפהויבן.

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: דער ענין של מופתים איז דאך דער ענין של נס, וואס דער פירוש פון נס איז ווי עס שטייט ארים נסי על ההרים, אז א נס הויבט אויף דעם ענין הטבע, און באווייזט ווי דער ענין הטבע איז באמת למעלה מן הטבע, וואס דורך דעם מאכט מען דאך א דירה בתחתונים, אז מען איז מגלה אלקות שלמעלה מהטבע אין טבע, און פונדעסטוועגן האט מען זיך אפילו ניט איינגעבויגן אויף אויפהייבן די ניסים.

ועד"ז בענין הביזה, אז הגם אז אין תורה אליין איז דא דער איסור פון בל תשחית, און התורה חסה על ממונם של ישראל, וכידוע תורת הבעש"ט על מאמרז"ל זה, אז דאס איז ניט נאר צוליב די גשמיות פון א אידן, נאר דאס איז נוגע די <u>רוחניות</u> זיינע. און ווי מ'זעט אויך כפשוטו אז בשעת א איד האט נאך געלט גיט ער מער צדקה וכו', וא"כ האבן אידן געדארפט נעמען די ביזה, און טאן מיט עס נאך מצות וכו',

און אעפ"כ, וויבאלד בא זיי איז געווען דאך דער נקהלו ועמוד על נפשם, א ענין וואס איז נוגע אין עצם הנפש, זיינען זיי במילא ניט געווען שייך צו קיין אנדער ענין, אפילו ניט צו ביזה כאטש ס'איז שייך צו רוחניות,כנ"ל.

ועפ"ד וואס מ'זאגט אז ביי ק"ש ותפלה איז לא ירמוז בעיניו וכו' ער איז יעמולט איינגאנצן אויס מציאות,

עס דארף טאקע זיין די באווארנעש פון קול ילד בוכה, ווי געדעדט אמאל בארוכה, אבער דאס איז נאר ווען ס'איז טויך דא דער מציאות פון דער ילד בוכה, אבער ער דארף ניט גיין זוכן אויב ס'איז דא א ילד בוכה וכו'; ווייל ער איז געמולט כעבדא קמי' מרי', איז ער במילא קיין מציאות ניט.

און דער הרגש פון "עמוד על נפשם" האט זיי דורכגענומען אויף אזוי פיל, ביז אז דאס האט געפועל'ט אפילו אויף זייער יד הגשמי, אז "ובבזה לא שלחו את ידם". דלכאורה האט געדארפט שטיין "לא לקחו ביזה" וכיו"ב, און וואס איז דער דיוק "לא שלחו את ידם"? נאר דער ביאור אין דעם איז, אז דער פסוק קומט דא מדגיש זיין, אז ניט נאר זיי האבן ניט געטראכט וועגן ביזה [וע"ד הידוע בפירוש הכתוב יגיע כפך כי תאכל, אז דער ענין פון "יגיע" איז עניני פרנסה דארף זיין נאר מיטן כפך, אבער דער שכל דארף ליגן אין עניני קדושה וכו'].

נאר נאך מערער, מצד דעם וואס זיי זיינען געווען אין א מצב פון עמוד על נפשם, האט עס דורכגענומען את כל אברי גופם, ביז אז דאס האט געפועל'ט אויך על נפשם, אויף זייער האנט, אז ובבזה לא שלחו את ידם.

און דער טעם אויף דעם איז, ווי דער מדרש זאגט אויפן פסוק איש יהודי אז דאס מיינט איש יחידי, וואס ער האט מייחד געווען שמו של הקב"ה בעולם, בדוגמת אברהם אבינו. און בשעת עס איז מאיר יחידה, אז בא אים איז נרגש אז ס'איז דא מערניט ווי דער אויבערשטער, אין עוד מלבדו, איז פריער איז מאיר דער יחוד בשכלו, און דערנאך נעמט דאס אדורך די רמ"ח אבריו, ביז אז זיי ווערן רמ"ח פיקודין דמלכא כביכול.

וואס כל הנ"ל איז בא אידן. אבער בא גוים, להבדיל, "ושלָלם לבוז", ד.ה. אז דער עיקר בא א גוי איז דער ענין פון "ושללם לבוז"; המן האט טאקע געטענה'ט צו אחשורוש'ן ישנו עם אחד וכו', מיט אלע אנדערע טענות, וואס ווי דער מדרש טייטשט אויס אלע רמזים וואס זיינען דא אין יעדער ווארט, אבער די אלע טענות זיינען בלויז אן אויסרייד. דער עיקר בא דעם גוי איז דער "ושללם לבוז", דער תכלית האחרונה איז – צונעמען ביי אידן די געלט וואס ליגט ברשותם.

די הוראה פון דעם: ס'איז דאך דא אזוינע וואס מיינען אז יש מקום אויף צוהערן זיך צו די טענות של הגופים וואס רעדן וועגן ענינים וואס זיינען היפך תורת ה', טראכטנדיק, אז תורה איז א חכמה און אויך ביי זיי איז דא א חכמה, דאס איז א שיטה און דאס איז אויך א וועלך שיטה, אשר לכן דארף מען מאכן א "דיאלאג" און זען אפשר איז ביי זיי דא א קורטוב של אמת.

אויף דעם זאגט די מגילה, אז מ'זאל וויסן אז זיי איז ניט נוגע קיין הקירה און פילוזופיא וכו', ביי זיי ליגט אין זינען בלויז איין זאך: זיי ווילן האבן די פרוטה וואס ליגט ביים אידן אין רשות, און נאך מער.

און וויבאלד אזוי, האט דאך ניט קיין זינען צו פירן מיט זיי א דיאלאג און אריינגיין מיט זיי אין ויכוח. ווארום אפילו

וועט מען וועט זיי אויפווייזן מיט סברות הכי פשוטות (אַזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר), וועלן זיי טיי ווי האַלטן זיך בײַ זייער'ס, וויבאַלד אַז זייער גאַנצע כוונה איז בלויז אָרויסקריגן אידישע געלט.

און דאָס זאָגט מען, אַז בשעת עס קומט י"ג באַדר, קומען זיך צו-זאַמען צוויי שיטות בהשקפת העולם, איינער וואָס טענה'ט אַז "ושללם לבוז", און דער צווייטער אַז "ובבזה לא שלחו את ידם": אַ גוי איז אַפילו ווען ער רעדט בעניגים פון שכל וכו' איז בפנימיות טראַכט ער וועגן "ושללה לבוז", משא"כ אַ איד איז אַפילו בעת ער איז פאַרנומען מיט זיין מסחר וכו', און אַפילו ווען ער רעדט דברים בטלים, איז בפנימיות שטייט ער אין אַ מצב פון "ועמוד על נפשם" אים. איז/נוגע דער גאַנצער ענין פון פרנסה וכו', ער איז פאַרבונדען מיטן אויבערשטן.

וואָס דאָס איז די הוראה, אַז בשעת עס קומט צוגיין אַ איד און טענה'ט אַז בעניני העולם זעט ער עניגים של ביזה וכו', איז וואָס וועט ער שוין האָבן בשעת ער פאַרנעמט זיך בעניני תורה ומצות וכו' – אויף דעם זאָגט מען, אַז בשעת אַ איד שטייט אין אַ מצב פון "נקהלו ועמוד על נפשם", אַז ביי אים איז מאיר דער עצם הנפש, איז "ובבזה לא שלחו את ידם", ער שטייט העכער פון דעם גאַנצער ענין פון ביזה וכו'.

ס'איז אָבער ניט דער פשט, אַז עס בלייבט אַזוי אַז עס פעלט אים אין גשמיות וכו', נאָר ווי עס איז געווען בימי הפורים, אַז נאָך דעם ווי בי"ג באַדר איז געווען דער נקהלו ועמוד על נפשם, האָט עס געבראַכט אַז דערנאָך איז געווען ימי שמחה ומשלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים, אַז ס'איז געווען עשירות ומתנות וכו',

בידוע אַז מרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות תכלת וחור **ועטרת זהב גדולה גו'**, און ווי ער זאָגט אַז ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, ווי די גמרא דרש'נ'ט אורה זו תורה ושמחה זו יו"ט וששון זו מילה ויקר אלו תפילין, ואין מקרא יוצא מידי פשוטו, אַז ס'איז געווען אורה ושמחה וששון ויקר, און ווי מ'איז מסיים "כן תהי' לנו".

ד. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה זכור את וגו'.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> – כרגיל –